Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 242 | Łódź, Wtorek 20 października 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ט׳ מרחשון תרצ״ב | № 242

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# א געזעץ-פּראָיעקט געגן זעלבסטמאָרדען

## זעלבסטמערדער וועט מען נישט קובר זיין, נאר איבערגעבען אין פּראָזעקטאַריום

וואַרשא, 19 (טעלעפאָניש). ווי מען גיט איבער ווערט אויסגעאַרבייט אַ געזעץ־פּראָיעקט געגען זעלבסטמאָרדען. לויט׳ן פּראָיעקט זאָל נישט אויסגעצאָהלט ווערען די פערזיכערונגען, אָדער רענטעס פאַר די פאַמיליעס פון זעלבסטמערדער. אַ חוץ דעם זאָל מען די קערפּערס פון זעלבסטמערדער נישט קובר זיין, נאָר איבערגעגעבען ווערען אין די פּראָזעקטאָריומס. אַ זעלבסטמאָרד פון אַ גייסטיג קראַנקען וועט מוזען בעווייזען ווערען דורך דאָקומענטען. עס זאָל אויך בעטראַכט ווערען אַלס זעלבסטמאָרד אַ טויט פון אַ דועל.

## פערענדיגט דער שטרייק אויף די דייטשע שיפען

בערלין, 19 (ספּ. טעל.) די שיף־געזעלשאַפט אין האַמבורג האָט בעקומען אַ ידיעה פון לעניגראַד, אַז עס האָט זיך פערענדיגט דער שטרייק אויף די 41 דייטשע האַנדעלס שיפען אין לעניגראַדער פּאָרט.

38 דייטשע מאַטראָסען זענען געבליבען אין סאָוויעטען־רוסלאַנד.

## געשטאָרבען דער פיהרער פון דער יודישער פאלקס-פּארטיי אין רומעניע

בוקארעשט, 19 (יט״א טעלעגראפיש) דאָ איז אין עלטער פון 84 יאָהר געשטאָרבען דער פאָרזיצער פון דער יודישער פאָלקס-פּאַרטיי אין רומעניען — אדאָלף שטערען.

דער פערשטאָרבענער איז געווען דער ערשטער פאָרקעמפער פון יודישער עמאנציפּאציע אין רומעניע.

## בערימטער יודישער קונסט-מאלער לעסער אורי געשטאָרבען

בערלין, 19 (יט״א טעלעגראפיש) אין עלטער פון 70 יאָהר איז געשטאָרבען דער וועלט-בערימטער יודישער קונסט-מאלער לעסער אורי. דעם פערשטארבענעמס בילדער האָבען א וועלט-נאָמען. זיינע בעריהמטע בילדער זענען „חורבן ירושלים", „אדם וחוה", „ירמיה", „משה רבנו" און אנדערע.

## מוסולמענישע פּראָטעסטען געגען ג. טערקישען סולטאן

## קאַליפאַט ווערט נישט געשאַפען

לאָנדאָן, 19 (י. ט. א. טעלעגראפיש). די קלאנגען, אז דער געוו. סולטאַן פון טערקיי זאָל איבערנעהמען דעם קאַליפאַט, ווערען דורכ׳ן פיהרער פון די אינדישע מוסולמענער שאוקאט אלי אָפּגעלייקענט. אויך אנדערע מיסולמענישע פיהרער בעטראַכטען די קלאַנגען פאַר אַבסורדאַלע.

די דאָזיגע הכחשות דארף מען אָבער נישט בעטראַכטען אלס א פולשטענדיגע רעזיגנאַציע פונ׳ם פּלאן צו שאפען א קאַליפאַט. די הכחשות זענען נאָר געמאכט געוואָרען, ווייל דער פּלאן איז פריהצייטיג בעקאַנט געמאכט געוואָרען, און האָט ארויסגערופען פיל פּראָטעסטען אין די מוסולמענישע לענדער.

---

## דער בערלינער כירורג פּראָפ. זויערברוך



האָט בעקומען פון ענגלישען קעניג אלס דאנק פאר דער אָפּעראציע וואָס ער האָט דעם קעניג געמאכט 1 מיליאָן מארק פאר די בערלינער שפּיטאלען.

## אנ׳אָנפאל אויפ׳ן עבר-הירדן

### גרייט צו א וואַהאַביטען-באַנדע

ירושלים, 19 (יט״א טעלעגראפיש) ס׳האָבען זיך פערשפּרייט קלאנגען, אז 28 טויזענד וואהאביטען גרייטען זיך צו מאכען אנ׳אָנפאל אויף עבר הירדן:

## בילעטען פון פאָרשטעלונגען

### ווערען בעשטייערט לטובת דעם רויטען קרייץ

וואַרשאָ, 19 (טעלעפאניש) דער קריגס-מיניסטער האָט ארויסגעגעבען א פערארדנונג, אז די בילעטען פון אלע פאָרשטעלונגען מוזען בעשטייערט ווערען לטובת דעם רויטען-קרייץ.

אנ׳אויסנאהם איז נאָר פאר ספּאָרט-אימפּרעזעס.


# פרייטאג !!!

נייער

העכסט-שפּאנענדער,

סענסאציאָנעלער

און עראָטישער

# ראמאן!!!


## עפענטליכער בריף.

אין „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 235 וואָרנען אונז די בעקער-מייסטער מיט פעראנטוואָרטליכקייט פאר אָנווענדען טראָר-מיטלען. די גאנצע געשיכטע וועגען טעראָר-אקטען מצד קאָנטראָלערען איז פון אָנהויב ביז׳ן סוף נישט מעהר ווי א פּראָוואָקאציע. די בעקער-מייסטער האָבען נישט מעהר ווי א טענדענץ אריינצופיהרען אין א טעות די עפענטליכקייט. מיר ווארפען ענטשידען אָפּ אזעלכע וואָרנונגען און מיר וועלען ווייטער פאָרזעצען דעם בערעכטען קאַמף פאר׳ן 8-שעה׳דיגען ארבייטס-טאָג.

פראַפ. ארבייטער-פעראיין פון דערנעהרונגס-אינדוסטרי אין פּוילען, 3-טע אָפּטיילונג, לאדז.

7066


דעם שפּענדער און סימפּאַטיקער פון אונזער אינסטיטוציע,

הערן מאָריצי נעדזעלד

צוליב׳ן טויט פון זיין פרוי

# שרה רבקה ג. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחמהו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים!

פערוואלטונג

פון אינטערנאט פאר יוד. קינדער אין פערמע אין העלענובעק

7060

# קאצענעלזאָנ׳ס גן-ילדים

(פרעבעל-שולע)

# Przedszkole

דער ערשטער מאָדערנער פרעבעל-אנשטאלט אין לאָדז פון י. 1911 איז שוין געעפענט געוואָרען אין נייעם גימנאַזיום-בנין

**Zawadzka 43, tel. 151-79**

קינדער (יונגלעך און מיידלעך) פון 4 יאָהר אָן ווערען אָנגענומען אין קאָנצעלאריע פון גימנאַזיום פון 10 ביז 2 נאָכמ. און פון 5 ביז 7 אָוונד.

6996

אברהם פנחס מערמעלשטיין

אַלעקסאַנדער גאַס 87

שטעהט פון היינט אָן אונטער דער השגחה פון ראַבינאַט.

Dyplomowana

# HIGIENISTKA

**LIZA NAMIOT**

נעהמט אָן ארבייט: זאַסטושיסען, אָפּאטרונקעס, דיזשורען

35 אַלעיאַ 1-טער מאַי 35

פראָנט, ערשטער שטאָק.

טעלעפאָנירען טאָג-טעגליך, אויסער שבת, פון 2 ביז 4 נימער 145-02.

STARSZY FELCZER

# A. Neumark

**Południowa 38, tel. 163-46**

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 8–10 פריה און פון 2–4 נאָכמ.

פאר אונבעמיטעלטע – מעסיגע פּרייזען.

Dr. med.

**W. Eychner**

גינעקאָלאָג-אקושער

11 זגערזשער 11

טעלעפאָן 134-72

נעמט אָן פון 3–4 נאָכמ.

און פון 7 – 9 אָוונד.

Dr. med. **G. GERSZTAJN**

ספּעציאַל-ארצט פאַר אויגען-קראנקהייט

צוריקגעקעהרט

טראַגוטאַ 12, טעל. 175-10.

נעהמט אָן פון 11–1 און פון 7–8 אָוו.

1754

